# לידער

## ישׂראל נעקראַסאָוו

.1
ס׳ווילט זיך גיין, ס׳ווילט זיך גיין אָן אַן עק
איבער טרוקענע שטויביקע וועגן.
צו פֿאַרגעסענע רויִקע ברעגן
זאָל ער דויערן אייביק, מײַן וועג.
ווו זשע ליגט דער פֿאַרלוירענער וועג?
ערגעץ הינטער אַ שניי און אַ רעגן.
ס׳איז אַ קלייניקייט, וואָס איך באַגעגן,
נאָר איך שרעק זיך דערגרייכן דעם צוועק.
זאָל ער זײַן אין אַ ווײַסן טומאַן,
ערגעץ ווײַטער ווי טאָלן און ימען,
נאָר איך גלייב, ער איז טאַקע פֿאַראַן,
און מיר וועלן זײַן תּמיד צוזאַמען.
נאָר איך ווייס, אַז עס ליגט ערגעץ דאָרט
דאָס באַליבטע פֿאַרבאָרגענע אָרט.

.2
אַיעדער אָוונט ברענגט מיר
אַ מציאה מיט אַ פֿאַרלוסט
אין איינעם.
ער איז גלײַכצײַטיק פֿול און פוסט.
איך האָב דערפֿילט
אַ קאַלטן ווינט
פֿון אַ פֿאַרמאַכטער פֿרעמדער וועלט.
דאָס איז אַ וועג
אין לאַבירינט.

.3
אַ שטוב איז דאָ אויף אַן אַנדער עק שטאָט,
זי שטייט אונטער שניי און ווינט.
קיינער איז אין דער שטוב ניטאָ,
זײַנען די שויבן בלינד.
דער גאַניק איז פֿויל, די טרעפּ זײַנען שטום,
די סטעזשקעס זײַנען פֿאַרשנייט,
און שוואַרצע סאָסנעס שטייען אַרום,
שושקען זיך שטילערהייט.
נאָר סע שאָרכעט עמעצנס שטילער טראָט,
עמעץ גייט און שטעלט זיך ניט אָפּ.
און אַ שוואַכער לאַמטערן באַשײַנט דעם ראָג,
שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

.4
אַ טויטע סאָסנע שטייט אין מיטן וואַלד,
די נאָדלען האָבן זיך אַראָפּגעשאָטן,
פֿאַרטריקנט איז איר טויטער גוף און קאַלט,
נאָר דאַכט, זי לעבט פֿון דעסטוועגן און אָטעמט.

און פֿריִער איז זי לעבעדיק געווען,

געצויגן זיך צום הימל ווי אַ סטרונע,
די קאָרע האָט אין זונשטראַלן געברענט,
און סמאָלע איז ווי בלוט אַרומגערונען.

ס'האָט זיך געזעצט אַ פּיקהאָלץ אויפֿן שטאַם
און איבער צווײַגן זײַנען לײַכט געשפּרונגען
צוויי שטיקלעך, אָפּגעריסענע פֿון פֿלאַם,
צוויי וועווריקעס        צוויי רויטע פֿײַערצונגען.